STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 13567

DOS ERSHTE YUDISHE SHAKH-LEHRBUKH

H. Endewelt

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol
of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from
a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights
in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain
or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified.
If you hold an active copyright to this work – or if you know who does –
please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

דאס ערשטע יודישע

שאך-לעהרבוך

— פון —

ה. ענדעוועלט און ש. ווייסבלאט.

דאס בוך ענטהאלט א היסטארישען שאך-איבערבליק, שאך-רעגעלן, מיניאטור-, שאכמייסטער- און אמאטארען-פארטיען (מיט וויכטיגע בעמערקונגען), ענדשפיעל-סטודיען און אויפגאבען. יעדע פארטיע איז אילוסטרירט מיט א לעהרהאפטע דיאגראמע.

DAS ERSTE JÜDISCHE SCHACHLEHRBUCH

von

H. ENDEWELT & S. WEISSBLATT.

Warschau, 1917.

[illegible] POLAND

אינהאלט.

פארדעדע	2 — 1
שאך־טעאריע, רעגעלן און פערשידענע ערקלערונגען . .	48 — 3
אפענע שפּילען . . .	62 — 49
געשלאסענע פארטיען . .	65 — 63
מיניאטור־פארטיען . .	92 — 66
שאך־פארטיען געשפּילט דורך שאך־מייסטער און אמאטארען .	193 — 93
ענדשפּיעל־סטודיען . .	216 — 194
אויפגאבען . . .	224 — 217
אויפגאבען־ענטשיידונגען . .	238 — 225

WARSZAWA
Druk. SZ. SIKORA i I. MYLNER, Nowolipki 6.

פאררעדע.

אונזער פאלק איז גוט בעקאנט דאס אינטעלעקטועלע שאך־שפיעל, דערום האט דער יודישער שאך־ליטעראטור־מאנגעל אונז גענויט ארויסצוגעבען דאס דאזיגע וויכטיגע לעהרבוך.

מיר האבען געשעפט שטאף נישט נור פון פרעמדע שפראכען, נור אויך אייגענם צוגעגעבען. דעם שאך־אנפאנגער מוזען מיר ערקלערען, אז די שאך־נאטאציע איז גענוי דיזעלבע ווי אין דער דייטשער שפראך (T — טורם, K — קעניג א. א. וו.). קיין אנדערע נאטאציע האבען מיר נישט געפינען פאר קיין פאסענדע, ווייל כדי צו געבען יודישע בוכשטאבען אלס פיגורען־אבקורצונגען (צ. ב. טורם—ט., קעניג—ק., א. א. וו.) וואלט די גאנצע שאך־נאטאציע געמוזט בעצייכענט ווערען ווי יודישע פראזען (ק. 2a — 3a וואלט געהייסען קעניג פון a2 קומט אויף a3) און דאס וואלט געווען געגען די שאך־רעגעלן. ריכטיג איז, אלזא, געוועזן די בעמערקונג פון דעם בערימטען שאכמייסטער ה' ע. רובינשטיין, וועלכער האט געפונען אזא מין פערקורצונג אין יודישען וואכענבלאט „דאס פאלק" (שאך־אבטיילונג פון ש. וויינבלאט), אלס א נישט־קארעקטע. מיר מוזען זיך, אלזא, מיט דער נאטאציע דערנעהנטערען צו אנדערע אבסטראקטע וויסענשאפטען (ווי מאטעמאטישע צ. ב.) און זי לעזען פון לינקס אויף רעכטס, ווי צ. ב. Kg1—h1 בעדייט, אז דער קעניג פון פעלד g1 קומט אויף h1; Tf1×e1† — דער טורם פון f1 שלאגט א פיגור וואס שטעהט אויף e1 און זאגט „שאך".

אויסער דעם האָבען מיר דאָס בוך אילוסטרירט מיט אַ גרויסע צאָהל לעהרהאַפטע דיאַגראַמען מיט בעמערקונגען, כדי צו ערקלערען דײַטליך דעם שפּיעלער וועגען וואָס עס האַנדעלט זיך אויפ'ן שאַך־ברעט. דאָס לעצטע — מוז ליגען בײַם שפּיעלער און יעדער צוג מוז ווידערהאָלט און אַנאַליזירט ווערען לויט אונזערע צוגען. נור דאַמאָלס וועט דער שפּיעלער ריכטיג זיך בעקענען מיט דער שאַך־קונסט. דאַמאָלס וועט אונזער אויפגאַבע, וועלכע בעשטעהט אַרײַנצודרינגען מיט'ן ערשטען וויכטיגען טריט אין דער יודישער שאַך־ליטעראַטור, זײַן מיט ערפאָלג ענטשיידען.

ה. ענדעוועלט

ש. ווײַסבלאַט.

וואַרשאַ, נאָוועמבער 1917.

שאך-טעאריע.

דאס שאכמאט-שפיעל ווערט גערעכענט אלס דאס ערשטע שפיעל פון דער געדאנקען-ענטוויקלונג און גילט איבערהויפט אלס דאס גייסט-פולסטע און פאלקאמענסטע שפיעל.

שאכמאט טראגט אומעטום דעם נאמען „קעניגליך שפיעל“ און שטעלט-פאר א ווערט-קאמף צווישען צוויי ארמעען. א גוט-געשפיעלטע שאך-פארטיע איז א מיכטיג שטיק גייסטיגע ארבייט. דא גילט נישט דער בלינדער צופאל, דא שפיעלט די הויפט-ראלע דאס קעמפען פון שכל און דעם כח הדמיון ביז צום נצחון.

א פארטיע שאך קאנען שפיעלען צוויי פערזאן מיט צוויי, דריי—מיט דריי. איין פארטיע קאנען אויך שפיעלען מעהרערע פערזאנען, נור איבערהויפט ווערט געשפיעלט איינער מיט איי-נעם—דאס הייסט דאס צוויי-שאך.

שאכמאט שטאמט פון מזרח. ווער עס האט דאס שפיעל ערפינדען, איז נישט בעוואוסט. אסך דערצעהלען, אז דאס שטאמט פון כינא, אנדערע זאגען—פון אינדיען.

קיין אייראפא איז דאס שפיעל אריבערגעוואנדערט פון אראביען. צוערשט איז עס בעוואוסט געווארען אין סיציליען, פון דארט — אין אנדערע לענדער פון צפון-אייראפא; אמעהר-סטען איז געשפיעלט געווארען אין איטאליען און אין שפאניען.

דאס אלטמאדישע שאך-שפיעל איז געווען גאנץ אנדערש ווי דאס היינטיגע. אין לעצטען יאהרהונדערט איז עס פיעל

אויסגעבעסערט געווארען. מען גלייכט עס ריכטיג צו צו דער קריעגס־קונסט, ווייל מען האט אויך דא צו טהון מיט אנגריפען, געגען־אנגריפען, פערטיידיגונגען, אויסקוקען די שוואכערע זייט פונ'ם געגנער, אויסנוצען די געלעגענהייט פון זיין נישט־פארזיכטיגקייט א. א. וו. אין דער ווירקליכקייט בעשטעהט דאס שאך־שפיעל פון אנ'אונערשעפליכער צאהל קאמבינאציעס, פון 32 שאך־פיגורען אויף 64 שאך־פעלדער.

ווי מיר האבען אויבען געזעהן, ווערט דאס צוויי־שאך געשפיעלט דורך צוויי פערזאן אויף א שאך־ברעט איינער אנט־קעגען דעם צווייטען.

דאס שאך־ברעט בעשטעהט פון 64 קוואדראט־פעלדער, 32 ווייסע און 32 שווארצע (זעה דיאגראמע 1).

די שאך־פיגורען זענען אויך שווארצע און ווייסע און זיי זענען פאלגענדע:

שווארץ	ווייס		
♚	♔	צו 1 קעניג (מלך)	פון יעדען
♛	♕	„ 1 דאמע (קעניגין, מלכה)	„ „
♜	♖	„ 2 טורמען (ראך'ס)	„ „
♝	♗	„ 2 לויפערס (זקנ'ס)	„ „
♞	♘	„ 2 שפרינגער'ס (ריטער'ס, פערד)	„ „
♟	♙	„ 8 בויערן (פעהנדלעך)	„ „

יעדער צו 16 פיגורען.

יעדער פון די צוויי שפיעלער פיהרט איין פארב, ד. ה. 16 ווייסע אדער 16 שווארצע פיגורען. דער אויסוואהל פון די

פארבען ווערט געמאכט דורך א גורל: איינער פון די שפּיעלער נעהמט אין איין האנד א ווייסען בויער און אין דער צווייטער — א שווארצען, און דער, וואס טרעפט דעם ווייסען בויער, פאנגט-אן דאס שפּיעל מיט די ווייסע פיגורען*) מען דארף זעהן, אז אנהויבענדיג שפּיעלען זאל דאס שאך-ברעט ביי די שפּיעלער אזוי ליעגען, אז דאס עק-פעלד (ראנדפעלד) פון רעכטס זאל זיין ווייס.



אזוי ווערען אויסגע-שטעלט די שאך-פיגורען אויפ'ן שאך-ברעט בעת'ן אנהויבען שפּיעלען:

דיאגראמע 1

פון דער דיאגראמע 1 זעהען מיר, אז יעדער שפּיעלער האט 16 איינפארביגע פיגורען: 8 אפיצירען (וויכטיגע פיגורען) און 8 בויערען, די טורמ'ס שטעהען אויף די עק-פעלדער, נעבען די טורמ'ס — די שפּרינגער, ביים קעניג, רעכטס פון שאך-שפּיעלערס האנד — א קעניג-לויפער, לינקס פון שאך-שפּיעלערס

---

*) מען דארף זיך נישט געוועהנען תמיד צו שפּיעלען מיט איינפארביגע פיגורען, נאר נאך יעדער פארטיע די פיגורען אויסטוישען, איינמאל מיט ווייס און איינמאל מיט שווארץ א. ז. וו.

האַנד אַדאַמע-לויפער, דער קעניג און די דאַמע פֿערנעהמען די מיטעלסטע צוויי פֿעלדער, די ווייסע דאַמע — דאַס ווייסע פֿעלד און די שוואַרצע דאַמע — דאַס שוואַרצע פֿעלד; דער ווייסער קעניג שטעהט אויפ'ן שוואַרצען פֿעלד און דער שוואַרצער קעניג — אויפ'ן ווייסען פֿעלד.

פֿון דער דיאַגראַמע 1 זעהען מיר, אַז די פֿיגורען שטעהען איינס אַנטקעגען דאַס אַנדערע, דהיינו, טורם געגען טורם, לויפער געגען לויפער א. א. וו. פֿאַר די 8 אָפֿיצירען שטעהען 8 בויערן אַלס שוץ-פֿיגורען (אויך ווייס אַנטקעגען שוואַרץ).



דיאַגראַמע 2

צוליעב מעאריע-צוועקען האט דאס שאך-ברעט א נומע-ראציע, ד. ה., יעדעס שאך-פעלד האט זיין לאטיינישע בוכשטאב און נומער.

אין דער ברייט זענען די בוכשטאבען:

a, b, c, d, e, f, g, h,

אין דער לענג זענען די נומערן:

1, 2, 3, 4, 5, 6, 7, 8

אזוי ווי די צווייטע דיאגראמע:

פערגלייכענדיג די ערשטע דיאגראמע צו דער צווייטער זעהען מיר, אז די ווייסע טורמ׳ס שטעהען אויף a 1 און h 1; שווארצע—אויף a 8 און h 8; ווייסע שפרינגערס אויף b 1 און g 1; שווארצע שפרינגערס אויף b 8 און g 8; ווייסע לויפערס אויף c 1 און f 1; שווארצע—אויף c 8 און f 8; ווייסע דאמע אויף d 1, שווארצע—d 8; ווייסער קעניג—e 1, שווארצער—e 8.

די ווייסע בויערן דארפען שטעהן אויף פאלגענדע פעלדער:

a 2, b 2, c 2, d 2, e 2, f 2, g 2, h 2

די שווארצע בויערן — אויף:

a 7, b 7, c 7, d 7, e 7, f 7, g 7, h 7

אין אונזער לעהרבוך וועלען מיר זיך בענוצען מיט פאל-גענדע פערקירצונגען:

D — דאמע   K — קעניג
L — לויפער   S — שפרינגער
T — טורם

בויערן ווערען נישט בעצייכענט, עס ווערט נור אנגע-געבען די בוכשטאב און נומער פון פעלד, וואו זיי שטעהען. D e 3 בעדייט, אז די דאמע שטעהט אויף דעם פעלד e 3.

h 5 בעדײַט אז א בויער פֿערנעהמט דאָס פֿעלד h 5 א. א. וו.

יעדע שאך-פּארטיע האָט נור דעם צוועק צו עראָבערן דעם פֿײַנדליכען קעניג, ד. ה. אין „מאַט" שטעלען, דאַרום מוז יעדער שפּילער תּמיד געדענקען אין זײַן קעניג, הגם די פּאַרטיע איז קאָמפּליצירט.

אַלע שאך-פֿיגורען האָבען דאָס רעכט צו געהן פֿאָראויס, צוריק, לינקס, רעכטס און שיעף, די בויערן אָבער — נור פֿאָראויס ד. ה. אַנטקעגען דער פֿײַנדליכער אַרמעע.

ווען מען שלאָגט דעם געגנערס אַ פֿיגור, נעהמט מען זי אַראָב פֿונ'ם שאך-ברעט און מען שטעלט אַוועק אויפֿ'ן זעלבען פֿעלד די זיגערישע פֿיגור.

ווען דער בויער טרעפֿט בײַם זײַט-גאַנג אַ פֿײַנדליכע פֿיגור, קאָן ער זי שלאָגען, למשל, ווען אויף e 3 שטעהט אַ ווײַסער בויער און אויף d 4 — אַ שוואַרצע פֿיגור — קאָן דער ווײַסער בויער פֿון e 3 שלאָגען די פֿײַנדליכע פֿיגור פֿון d 4. עס איז נישטאָ קיין מוז צו שלאָגען אַ פֿײַנדליכע פֿיגור, יעדער מעג שפּיעלען ווי ס'געפֿעלט איהם.

די בעוועגונג פֿון די פֿיגורען.

דער טורם קאָן זיך בעוועגען רעכטס, לינקס, פֿאָראויס, צוריק און אין אַלע זײַטען. דער טורם b 4 אויף דיאַגראַמע 3 קאָן זיך בעוועגען אויף c 4, d 4, e 4, f 4, g 4, און h 4. אויף (דעם פֿעלד) a 4 קאָן דער טורם אין דעם פֿאַל נישט געהן, ווײַל אויפֿ'ן דאָזיגען פֿעלד שטעהט דער ווײַסער קעניג. ער קאָן אָבער אויך פֿערנעהמען די פֿעלדער b 5, b 6, b 7, b 8 און צוריקוועגס געהן אויף b 3; ער קאָן

אויך שלאָגען דעם פײַנדליכען בויער, וואָס שטעהט אויף b 2, ד. ה., ער קאָן אַראָבנעהמען דעם בויער b 2 פֿון שאַך־ברעט און זיך דאָרט אַוועקשטעלען. צום פֿעלד b 1 קאָן דער טורם, אין דעם פֿאַל נישט צוטרעטען, ווײַל דער בויער b 2 פֿערשטעלט איהם דעם וועג.



דיאַגראַמע 3

מיט איין וואָרט, דער טורם מוז נור געהן אויף אַ גלײַכע ליניע: אין דער לענג, אָדער אין דער ברייט. דער לויפֿער געהט תמיד אין דער קרום, למשל, לויפֿער c 1 קאָן געהן אויף d 2, e 3, f 4, g 5, h 6, אויך אויף b 2, a 3. דער לויפֿער פֿון f 1 קאָן געהן אויף e 2, d 3, c 4, b 5, a 6, אויך אויף g 2, h 3, ווען ער האָט פֿרײַ פּלאַץ דורכ־צוגעהן דורך די פֿעלדער (ד. ה. ווען קיין פֿיגור שטעהט איהם נישט אין וועג). בײַם שפּיעלען, מוז דער לויפֿער, וואָס שטעהט אויפֿ'ן ווײַסען פֿעלד, תמיד זײַן אויף די ווײַסע פֿעלדער; דער,

וואס שטעהט אויפ'ן שווארצען פעלד — אויף די שווארצע פעלדער. דער ווייסער לויפער e 5 (דיאגר. 3) קאן געהן אויף f 6, d 4, c 3, f 4. ער קאן אויך שלאגען דעם פיינדליכען בויער g 3 אדער b 2, ד. ה., דעם בויער אראבנעהמען פון שאך-ברעט און אויף דעם ארט זיך אוועקשטעלען. אין דאזיגען פאל (דיאגר. 3) קאן דער לויפער e 5 אויף d 6 און g 7 נישט צוטרעטען, ווייל דארט שטעהען אייגענפארביגע פיגורען. דאדורך איז אויך דעמזעלבען לויפער נישט צוטריטליך צו a 1, h 8, c 7, b 8 און צו h 2, ווייל אייגענפארביגע אדער פיינדליכע שטיינער פערשטעלען איהם דעם וועג.

די דאמע איז די שטארקסטע פיגור אויפ'ן שאך-ברעט, ווייל זי האט די זעלבע בעוועגונגס-רעכט ווי דער לויפער און דער טורם, ד. ה. זי קאן געהן גלייך, קרום, פאראויס, צוריק, רעכטס און לינקס. פון די אלע בעוועגונגען קאן זי נור מאכען איין צוג, וואסער ס'געפעלט איהר. אין דער דריטער דיאגראמע קאן די דאמע מארשירען פון d 2 אויף c 2, e 2, f 2. די פעלדער b 2 און g 2 זענען פערנומען פון איהרע אייגענע שטיינער. אין דער גלייכער ריכטונג קאן די דאמע געהן d 1, d 3, d 4 אדער d 5. זי קאן אויך שלאגען דעם פיינדליכען שפרינגער פון d 6 און זיך אויף דעם פעלד אוועקשטעלען. אין דער קרומער ריכטונג קאן די דאמע געהן אויף c 1, e 3, f 4, g 5, h 6 און c 3. זי קאן אויך דער-גרייכען דאס פעלד b 4, שלאגענדיג אויפ'ן דאזיגען פעלד דעם ווייסען טורם.

די דאמע קאן די פעלדער a 2, h 2, d 7, d 8 נישט דערגרייכען, ווייל דער וועג איז נישט צוטריטליך.

דער שפרינגער מאכט זיין וועג שפרינגענדיג, ד. ה.,

ער מאַכט גלייכצייטיג איין גלייכען און איין קרומען צוג; ער שפּרינגט איבער זיינע אייגענע אָדער פיינדליכע פיגורען אָהן שטערונג. אַמבעסטען זעהט מען די געננ פון שפּרינגער אויף דיאַגראַמע 3; דער ווייסער שפּרינגער d 6 קאָן געהן אויף c 4, b 5, b 7, c 8, e 8 און e 4. צו פערנעמען e 4 קאָן איהם נישט שטערען דער לויפער e 5 (ווען אפילו אויף d 5 וואָלט געשטאַנען אַ פיגור). ער קאָן אָבער נישט קומען אויף f 5, ווייל זיין אייגענע פיגור שטעהט דאָרט. דאָך קאָן דער שפּרינגער שלאָגען דעם בויער f 7. דער שוואַרצער שפּרינגער פון g 8 קאָן מאַרשירען אויף h 6, e 7 און f 6. אין לעצטען פאַל שטערען איהם נישט די בויערן צו קומען אויף די דערמאָהנטע פּלעצער.

דער קעניג קאָן נור געהן איין שריט אין יעדער ריכטונג, ווי למשל, אויף דער דיאגר. 3; דער שוואַרצער קעניג קאָן געהען פון g 2 אויף h 3, h 1, h 2, g 1, f 1, f 2 און f 3. דאָס פעלד g 3 איז פאַר איהם נישט צוטריטליך, ווייל דאָרט שטעהט זיין אייגענער בויער. דער ווייסער קעניג קאָן אין דאָזיגען פאַל (לויט דיאגר. 3) געהען פון a 4 אויף a 3, b 3, b 5 און a 5. אין לעצטען פאַל שלאָגט ער דעם פיינדליכען בויער, אַראָבנעהמענדיג איהם פון שאַך־ברעט. דאָס פעלד b 4 איז פערשטעלט דורך אַנ'אייגענפאַרביגע פיגור. דער קעניג טאָר נישט קומען אויף אַ פעלד, ווי אַ פיינדליכע פיגור קאָן איהם שלאָגען ווייל די פּאַרטיע ווערט דערמיט פערשפּיעלט דורך דעם שפּיעלער, וועמענס קעניג עס איז געשלאָגען געוואָרען. ווען, למשל, אויף דיאגר. 3 אויף d 6 וואָלט געשטאַנען אַנשטאָט דעם ווייסען — אַ שוואַרצער שפּרינגער, וואָלט דער ווייסער קעניג פון a 4 אויף b 5 נישט געקאָנט קומען, ווייל

ער וואָלט געשלאָגען געוואָרען פונ׳ם פיינדליכען פערד.

אַלזאָ, יעדע פיגור קאָן דער שפּיעלער ציהען אין די ריכטונגען: פאָראויס, צוריק, רעכטס, לינקס ווי ס׳געפעלט איהם, נאָר לויט די שאַך־רעגעלן פון יעדער פיגור, מיט וועלכער מען ציהט.

די בויערן מוזען שטרעבען צו געהן נור פאָראויס, זיי טאָרען נישט געהן צוריק, ד. ה. זיי מוזען תמיד זיך נאָר דערנעהנטערן צום פיינדליכען לאַגער.

די דיאַגר. 4 ווייזט, אַז דער ווייסער בויער פון e 2 קאָן געהן אויף e 3 אָדער אויף e 4; דער ווייסער בויער פון g 2 קאָן געהן אויף g 3 און אויך אויף g 4. דער שווארצער בויער פון g 7 האָט דאָס רעכט צו געהן אויף g 6 אָדער אויף g 5, ווי ס׳געפעלט איהם. פון ליניע 2 קאָן יעדער בויער געהן אויף ליניע 3 אָדער 4; פון ליניע 7 קאָן יעדער בויער געהן אויף ליניע 6 אָדער 5. פון יעדער אַנדערע ליניע קאָן דער בויער מאַכען נור איין שריט אין דער גלייכער ריכ־טונג צום פיינד. אַלזאָ ווייסער בויער f 3 קאָן געהן נור אויף f 4, דערנאָך אויף f 5, f 6 א. א. וו. נור אַנ׳איינציגען טריט קאָן דער בויער מאַכען פון h 4 אויף h 5, דער שוואר־צער בויער — פון c 6 אויף c 5, שווארצער בויער פון g 5 אויף g 4 א. אז. וו.

אַ פיינדליכען בויער שלאָגט מען אויף אַנ׳אַנדערען אופן ווי ער גופא געהט. מיר האָבען געזעהן, אַז אַלע פיגורען שלאָגען אזוי ווי זיי געהן, אָבער בויערן געהן אין דער גלייכער און שלאָגען אין דער קרומער ריכטונג.

אויף דיאַגראַמע 4, ווען די ווייסע דאַרפען געהן, קאָן דער ווייסער בויער b 7 שלאָגען דעם טורם c 8; דערוועלבער

בויער קאָן אָבער נישט שלאָגען דעם בויער c 6, ווײַל ער וואָלט צוריקגעגאנגען פון פײַנדליכען לאגער, און ווי ס'איז אויבען געזאָגט געוואָרען, מוז ער געהן נור פאָראויס.

דער ווײַסער בויער h 4 קאָן שלאָגען דעם שווארצען בויער g 5, ד. ה. אויף זײַן אָרט זיך אוועקשטעלען, אראָבּ־גענעמענדיג דעם שווארצען בויער פון שאך־ברעט.

דאָסזעלבּע איז אויך מיט שווארצע בויערן: ווען די שווארצע דארפען געהן, קאָן דער שווארצער בויער g 5 שלאָגען דעם ווײַסען בויער h 4, (אין דאָזיגען פאַל ווערט דער ווײַסער בויער אראָבּגענומען פון שאך־ברעט און זײַן פּלאַץ פערנעמט דער שווארצער בויער). ווען דער ווײַסער בויער g 2 וואָלט געגאנגען אויף g 4 קאָן דער שווארצער בויער g 5 אויף g 4 שוין נישט געהן, ווײַל דאָס פעלד וואָלט געווען פערנומען פון ווײַס.



דיאַגראַמע 4

ער קאָן נור שלאָגען דעם בויער h 4. דער שווארצער בויער c 6 קאָן נישט שלאָגען b 7, ווייל דאס וואָלט געווען א צוריקטריט. דער בויער שלאָגענדיג א פיינדליכע פיגור, קאָן שפּעטער (ביים אנדערן אָדער ווייטערן צוג) געהן אין דער גלייכער ריכטונג צום פיינד. ער מוז זיך דערנעהנטערען צום פיינד. ווען, למשל, דער ווייסער בויער h 4 וואָלט גענומען דעם שווארצען בויער g 5, וואָלט ער נור געקאָנט ווייטער געהן אויף דער g-ליניע, ד. ה., פון g 5 אויף g 6 א. א. וו.

En passant

א געוויסע אייגענטליכקייט האָבען די בויערן ביים שלאָ-גען אין דורכגאנג (en passant).

ווען דער ווייסער בויער געהט מיט איינמאל אויף צוויי פעלדער (די ווייסע בויערן פון ליניע 2 אויף 4, שווארצע פון 7 אויף 5) און ביים דורכגאנג אויף דער שכנ׳ישער ליניע אין דער זייט (רעכטס אָדער לינקס פון בויער) שטעהט א פיינדלי-כער בויער, האָט דער לעצטער דאס רעכט איהם צו שלאָגען אזוי ווי ער וואָלט געגאנגען נור איין טריט.

ווען, למשל, דער ווייסער בויער e 2 (דיאגר. 4) וואָלט געגאנגען אויף e 4, וואָלט ער געקאָנט געשלאָגען ווערען פון בויער d 4, גענוי, אזוי ווי דער ווייסער בויער וואָלט געגאנ-גען פון e 2 אויף e 3, ד. ה., דער שווארצער בויער וואָלט זיך געקאָנט שטעלען פון d 4 אויף e 3 און דער ווייסער בויער וואָלט אראָבגענומען געוואָרען פון שאך-ברעט. דאס רעכט צו שלאָגען „אן פאסאן" דיענט באלד נאך דעם צוג, ווי דער געגנער האָט אזא צוג געמאכט. ווען, ווייס שפּיעלט e 2 אויף e 4 און דער שווארצער בויער פון d 4 שלאָגט נישט ביים

געכּסטען צוג דעם בויער אין דורכגאַנג (אַן פּאַסאַן), פערליערט ער דאָס רעכט צו שלאָגען אַן פּאַסאַן.

קיין אַנדערע פיגור האָט נישט דאָס רעכט צו שלאָגען אַן פּאַסאַן. דאָס שלאָגען אין דורכגאַנג, ווי איבערהויפּט יעדעס שלאָגען אין שאַך־שפּיעל, האָט קיין שום צוואַנג, עס ווענדט זיך נור פון שפּיעלער גופא. ווען, צ. ב., דער ווייסער בויער שפּיעלט: f 3 אויף f 4 קאָן דער שוואַרצער בויער g 5 נעה־מען דעם בויער f 4, אָדער דעם בויער h 4 און אויך גאָר־נישט נעהמען און געהן ווייטער אויף g 4.

נאָך אַנ'אייגענשאַפט האָבען די בויערן: ווען יעדער פון זיי קומט צו דער לעצטער ליניע (ווייסער צו ליניע 8, שוואַר־צער — צו ליניע 1) קאָן ער פערוואַנדעלט ווערען אין אַזאַ פיגור, וואָסער ס'געפעלט דעם שפּיעלער (אין אַ דאַמע, טורם, לויפער א. א. וו.).

אין פאַלס, דער ווייסער בויער b 7 (דיאגר. 4) קומט אויף b 8, אָדער ער נעהמט דעם שוואַרצען טורם c 8 און שטעלט זיך אויף זיין אָרט, קאָן דער שפּיעלער מיט ווייס זאָפאָרט אַראָבנעהמען דעם בויער און אויפ'ן זעלבען פעלד אוועקשטעלען אַ דאַמע, אַ טורם, אַ לויפער אָדער אַ שפּרינגער, הגם אַזעלכע פיגורען געפונען זיך שוין אויפ'ן שאַך־ברעט. דאָסזעלבע רעכט האָט שוואַרץ, ווען ער קומט מיט זיין בויער a 2 אויף a 1.

אויף דער ליניע 1 און 8 קאָנען קיין בויערן נישט שטעהן, זיי מוזען זאָפאָרט פערוואַנדעלט ווערען אין פיגורען. דער שפּיעלער מוז באַלד זאָגען אין וואָסער פיגור דער בויער איז פערוואַנדעלט געוואָרען. ווען אַ בויער ווערט פערוואַנדעלט אין אַ שפּרינגער, אָדער אין אַנ'אַנדערע פיגור, וועלכע איז

נאָך דאָ אויפ'ן שאַך-ברעט, מוז מען דעם בויער בעצייכנען (מיט פאַפּיער, אָדער אַוועקשטעלען אויפ'ן פעלד 2 בויערן*).

אַ בויער איז, ווי מיר זעהן שוואַכער ווי אַנ'אַנדערע פיגור; ער האָט נור צו שטרעבען פאָראויס צו געהן. אַלזאָ, אין משך פון אַ מאַרשרוט קאָן ער נישט מאַכען מעהר ווי 6 צוגען.

אויף דעם פעלד, ווי אַ בויער שטעהט, דראָהט ער נור די צווייַ פעלדער, וואו ער האָט דאָס רעכט צו שלאָגען**). פונדעסטוועגען האָט אַ בויער אַ גרויסע בעדייטונג אין אַ פּאַרטיע, ווייל ער שטערט דער פיינדליכער פיגור זיך צו בעוועגען און, ווען ער זעלבסט קומט צו צו דער לעצטער ליניע ווערט ער פערוואַנדעלט אין אַ פיגור.

אַ שפּרינגער איז אַזוי פיעל ווערט כמעט ווי 3 בויערן: ער קאָן מיט איינמאָל נישט אַדורכגעהן קיין סך פעלדער. כדי צו קומען פון איין עק שאַך-ברעט צום אַנדערן, מוז ער מאַכען פון 4 ביז 6 צוגען. ווען אָבער אויפ'ן שאַך-ברעט זענען דאָ אַ סך פיגורען און בויערן, און די בעוועגונגען פון אַלע פיגורען זענען געשטערט, — קאָן זיך אַ שפּרינגער צווישען זיי פרייַ בעוועגען, ווייל ער האָט דאָס רעכט אַריבערצושפּרינגען איינגע און פיינדליכע פיגורען. דעריבער איז אַ שפּרינגער ביים אָנפאַנג שפּיעל מעהר ווערט ווי ביים סוף.

דער לויפער האָט אונגעפעהר דעמזעלבען ווערטה וואָס אַ שפּרינגער ד. ה. כמעט וואָס דרייַ בויערן. פאַר יעדען לויפער זענען נור צוטריטליך 32 פעלדער. פאַר דעם לויפער,

---

*) דער בויער טאָר נישט פערוואַנדעלט ווערען אין אַ קעניג.

**) אַ בויער פון עק פעלד (ראַנדפעלד) דראָהט נור איין פעלד

וואָס שטעהט אויפ'ן ווייסען פעלד 32 ווייסע פעלדער פאר דעם שווארצפעלדינגען לויפער — 32 שווארצע פעלדער.

ביים ענדע שפיעל שטייגט דער ווערטה פון א לויפער, וויל ער האט מעהר פעלדער זיך צו בעוועגען ווי ביים אנפאנג שפיעל. ביים ענדע שפיעל האבען צוויי לויפערס א גרעסערן ווערטה ווי צוויי שפרינגערס.

לויפערס, אזוי ווי שפרינגערס, ווערען צוערשט ארויס־געפיהרט צום שלאכט, הגם לויט די מיינונגען פון גוטע שפיע־לערס, איז בעסער צוערשט ארויסצופיהרען שפרינגערס און דערנאך לויפערס. שפרינגערס און לויפערס ווערען אנגערופען לייכטע פיגורען.

א טורם איז א שטארקע פיגור. פון יעדען ארט אויף פרייע ליניעס קאן ער אנגרייפען מיט איינמאל 14 פעלדער, בעת א לויפער, וואס שטעהט אויף אן'עקפעלד, קאן נור אנ־גרייפען 7 פעלדער און ווען דער לויפער שטעהט אויף די מיטעל־פעלדער פון שאך־ברעט (e5 ,d5 ,e4 ,d4) גרייפט ער אן מיט אמאל 13 פעלדער.

א שפרינגער פון מיטען שאך־ברעט קאן נור אטאקירען אויף 8 פעלדער.

דער ווערטה פון א טורם ווערט דאן גרעסער פון א לוי־פער, ווען אויפ'ן שאך־ברעט זענען דא ווייניגער פיגורען, וויל דעמאלט קאן ער זיך פריי בעוועגען אין אלע זייטען לויט זיינע רעגעלן.

דער ווערטה פון צוויי טורמ'ס ווערט פערגלייכט צום ווערטה פון 3 לייכטע פיגורען מיט איין בויער צוזאמען. אלזא, א טורם האט דעם ווערטה וואס $4^{1}/_{2}$ אדער 5 בויערן.

די דאמע איז די שטארקסטע פון די שאך־פיגורען; פון

יעדען פעלד קאָן זי אטאקירען 21 פרייע פעלדער. די דאמע איז אזוי פיעל ווערטה וואס 2 טורמען.

דער שפיעלער מוז תמיד זארגען פאר דעם קעניג, וועלכען מען מוז שיצען פון פיינדליכע אטאקעס.

ווען אויפ'ן שאך-ברעט געפונען זיך א קליינע צאהל פיגורען, שפיעלט דער קעניג א גרויסע ראָלע ביים פערטיידיגען און ביים אָנגריף (אויך ביים געגען-אָנגריף). אין לעצטען פאל ווערט דער קעניג אלס טעטיגע פיגור פערגליכען אונגעפעהר צום ווערטה פון א לייכטע פיגור מיט א בויער צוזאמען.

די אויבען-פארגעשטעלטע ווערטה פון פיגורען איז נישט פעסט. עס וועגדט זיך פיעל מאל פון דער פאזיציע; עס טרעפען פאלען, ווען א לייכטע פיגור האט א גרעסערן ווערטה ווי א דאמע.

ווען די שפיעלערס נעהמען זיך איינער פון אנדערן א פיגור פון גלייכען ווערטה, הייסט דאס אויסטוישען א פיגור. אזוי טרעפט זיך אפט, אז א דאמע ווערט אויסגעטוישט פאר א דאמע, טורם פאר א טורם, לייכטע פיגור פאר א לייכטע, בויער פאר א בויער.

ווען איינער פון די שפיעלערס נעהמט פון געגנער א שטארקערע פיגור, ווי ער האט איהם אוועקגעגעבען, הייסט דאס: ער האט בעקומען „קוואליטאס” (qualitas). דער, וואס האט פערלוירען די שטארקערע פיגור פאר א שוואכערע, הייסט עס: ער האט פערלוירען דעם „קוואליטאס”.

ווען מען טוישט אויס א דאמע אויף א לייכטע פיגור, אפילו אויף א טורם, הייסט דאס, מען האט די דאמע פערלוירען. עס טרעפט זיך, אז א שפיעלער גיט אוועק א בויער אדער א פיגור, אדער ער טוישט אויס א שווערע פיגור אויף

אַלײַכטערע, אום שפּעטער צו דערגרײכען העכערע ציעלען; דאָס הײסט מען אָפּפערט אַבויער, אַפיגור, אָדער מען אָפּפערט דעם „קוואַליטאַס".

פֿערטײדיגען אַנ'אָנגעגריפֿענע פיגור הײסט: מען זאָל אַזוי שיצען די פיגור, אַז ווען די פֿײַנדליכע פיגור וועט זי צונעהמען, זאָל מען זי צוריק שלאָגען.

קײנמאָל דאַרף מען נישט וואָרנען דעם געגנער, אַז זײן פיגור אָדער בויער איז אין געפֿאַהר, ווײַל

1) דער כּח פֿון שפּיעל ליעגט אין אױפֿמערקזאַמקײט און פֿערבעסערט דאָס שפּיעל. ווען דעם שפּיעלערס געדאַנקען זענען נישט גוט אָנגעשטרענגט, ווערט זײַנעם געגנער לײַכטער די פּאַרטיע צו געווינען.

2) עס טרעפֿט זיך אָפֿט, אַז דער שפּיעלער אָפּפערט אַ פיגור, כּדי צו דערגרײכען שפּעטערע ציעלען.

בײַם אָנגרײפֿען די דאַמע וואָרנט מען נור שוואַכערע שפּיעלערס. בעסערע שפּיעלערס וואָרנט מען נישט. אַנ'אויסנאַהם איז נור, בעת מען אַטאַקירט דעם קעניג — דעמאָלט מוז מען וואָרנען דעם גוטען, ווי דעם שלעכטען שפּיעלער.

יעדער שפּיעלער שטרעבט צו־צונעהמען דעם פֿײַנדליכען קעניג, ד. ה. איהם מאַט צו זעצען (אָדער מאַט־שטעלען)

דאָס מאַט־זעצען דעם פֿײַנדליכען קעניג מוז אַזוי געשעהן, אַז ער זאָל נישט האָבען ווי צו געהן און קײן פיגור צו פֿערטײדיגונג. דאָס איז די אויפֿגאַבע פֿון אַ שאַך־פּאַרטיע. דאָס קומט אָפֿט פֿאָר מיט שוועריגקײטען און פֿיעל מאָל מיט וואונדערליכע און קאָמישע קאָמבינאַציעס.

ווען מען גרײפֿט־אָן מיט אַ בויער אָדער פיגור דעם געג־

נערם קעניג, מוז מען איהם זאפארטווארנען, זאגענדיג: „שאך!“ *).

דער געגנער איז מחויב ביים נעכסטען צוג צו בעפרייען דעם קעניג פון דיזער דראהונג.

פערטיידיגען דעם קעניג ווי אנ׳אנדערע פיגור, ד. ה., אויסטוישען איהם אויף אנ׳אנדער פיינדליכער פיגור, טאר ניט געשעהן.

עס העלפט אויך נישט דאס אנגרייפען דעם פיינדליכען קעניג, ווען ער איז אונטער דער „שאך־פראגע“, וויל ער פערליערט צוערשט דעם קעניג און מיט דעם ווערט שוין די פארטיע געענדיגט.

די שאך־רעגעלן האבען די פאלגענדע דריי מיטלען צו ראטעווען דעם קעניג פון שאך־דראהונג:

1) איבערצורוקען דעם קעניג פון דעם פעלד, וואו ער איז אנגעגריפען געווארען, אויף אנ׳אנדער פעלד, וואס איז נישט געדראהט פון א פיינדליכער פיגור, אדער בויער; דאס קאן אבער נור געשעהן דאן, ווען עס איז ווירקליך דא אזא פעלד.

2) פערשטעלען דעם קעניג, ד. ה., אזוי ארויסרוקען אנ׳אייגענע פיגור, אדער בויער, אז ער זאל פערנעהמען פלאץ צווישען דעם געדראהטען קעניג און דער פיגור, וואס גרייפט־אן. דער פאל איז אבער אונמעגליך, ווען א פיגור, וואס גרייפט־אן שטעהט ביים שכנ׳ישען פעלד פון קעניג (ווען צ. ב., א בויער e4 גרייפט־אן דעם קעניג d5), אדער ווען א שפרינ־

*) מען זאגט אויך „קעניג“ (au roi), „שאך דעם קעניג“, אדער „מלך“.

גער גרייפט-אַן, קאָן מען דעם קעניג נישט פערשטעלען, ווייל ער שפּרינגט איבער פיגורען.

3) שלאָגען די פיגור, וואָס זאָגט „שאַך!" זעלבסטפער-שטענדליך, ווען עס איז דאָ מיט וואָס צו שלאָגען.

ווען מען קאָן נישט אָנווענדען איינס פון די דריי שוץ-מיטלען, הייסט דאָס „מאַט" און דאָס שפּיעל איז ענטשיעדען.

למשל, אויף דיאגר. 5: דער ווייסער טורם a 4 קאָן געהן אויף g 4 און דאָרט דראָהען צו נעהמען דעם שוואַרצען קעניג, וואָס שטעהט אויף g 6.



דיאַגראַמע 5

דער שפּיעלער מיט ווייסע פיגורען מוז זאָגען „שאַך!". די שוואַרצע, וועלכע דאַרפען מאַרשירען, מוזען דעם קעניג פון דאָזיגען „שאַך" בעפרייען און עס מאַכען מיט איינעם פון די אויבענדערמאָהנטע מיטלען. שוואַרץ קאָן אוועקריקען דעם קעניג (דיאגר. 5) אויף f 5, וואָס איז נישט געדראָהט פון אַ ווייסע פיגור, אָדער מיט'ן שפּרינגער e 6 צו קומען אויף g 5.

ד. ה. שטעלען דעם שפּרינגער צווישען דעם ווייסען טורם און שוואַרצען קעניג און דערמיט שיצען דעם שוואַרצען קעניג פון שאך.

דער שוואַרצער לויפער, וואָס שטעהט אויף h 5, קאָן אויך שלאָגען דעם טורם g 4, וואָס זאָגט „שאך”.

דער שוואַרצער קעניג האָט נישט קיין אַנדערן וועג, נור צו אַנטלויפען אויף f5, ווייל: דער ווייסער טורם d7 גרייפט-אָן, די שכנ׳ישע (פאַר דעם שוואַרצען קעניג) פעלדער f7, g7 און h7, די פעלדער g5, h6 זענען אַטאַקירט פון ווייסען לויפער d2, דער שוואַרצער בויער פערנעהמט דאָס פעלד f6 און דער שוואַרצער לויפער שטעהט אויף h5.

די ווייסע פיגורען וואָלטען אויך געקאָנט דעם שוואַרצען קעניג פרעגען „שאך!”, געהענדיג מיט׳ן טורם d7 אויף g7, אַזוי, ווי אין דעם פאַל וואָלט זיך דער טורם, וועלכער זאָגט שאך, געשטעלט נעבען דעם אָנגעגריפענעם קעניג, — קאָן מען נישט דעם שאך פערשטעלען.

עס וואָלט נאָך געבליבען צוויי מיטלען: 1) אָבצורוקען דעם קעניג אויף f 5, אָדער 2) שלאָגען דעם טורם (ווייל ער איז נישט געשיצט) מיט דעם קעניג, אָדער מיט דעם שפּרינגער e6.

דער ווייסער שפּרינגער g8 געהענדיג אויף e7 וואָלט אויך געקאָנט פרעגען „שאך” דעם שוואַרצען קעניג. שוואַרץ האָט נישט מיט וואָס צו שלאָגען דעם דאָזיגען שפּרינגער. פאַר דעם שפּרינגער, וואָס גרייפט-אָן קאָן מען נישט פערשטעלען די אָנגעגריפענע פיגור. (ווייל, ווי מיר האָבען געזאָגט, ער שפּרינגט אַריבער פיגורען). שוואַרץ האָט נישט צו אַנטלויפען מיט דעם קעניג ווי פריהער אויף f5, ווייל דערזעלבער

שפּרינגער e7 גרײַפֿט־אָן דאָס פֿעלד. דערזעלבער שפּרינגער פֿערשטעלט דעם ווײַסען טורם d7 און דאַדורך קאָן דער שוואַרצער קעניג אַנטלויפֿען אויף h7, g7 אָדער אויף f7. ווען ווײַס, אַנשטאָט צו זאָגען „שאַך" מיט אַ טורם אָדער מיט'ן שפּרינגער g8, וואָלט געגאַנגען מיט'ן שפּרינגער d3, — וואָלט ער אויך געגעבען שאַך, ווײַל ער וואָלט געעפֿענט דעם וועג זײַן אײגענע דאַמע, וועלכע אַטאַקירט דעם שוואַרצען קעניג.

ווײַס קאָן אויך פֿון d3 שלאָגען דעם שוואַרצען שפּרינגער e1, זאָגענדיג „שאַך". דער שוואַרצער קעניג האָט נישט קײן שום פֿעלד צו אַנטלויפֿען, ער קאָן, ענטוועדער זיך פֿערשטעלען, ציהענדיג דעם בויער פֿון f6 אויף f5, אָדער שוואַרצע דאַמע c8 קאָן שלאָגען די ווײַסע דאַמע c2. ווען דער ווײַסער שפּרינגער, אַנשטאָט צו שלאָגען דעם שוואַרצען שפּרינגער, וועט קומען אויף f2, — פֿערבלײַבט דער שוואַרצער קעניג אָהן מעגליכקײַט צו אַנטלויפֿען. שוואַרץ האָט נאָך דרײַ רעטונגס־מיטלען: דער שפּרינגער e1 קאָן שלאָגען דאַמע c2, אָדער, שוואַרץ קאָן, זיך פֿערשטעלען מיט דעם שפּרינגער e1, געהענדיג אויף d3 און זאָגענדיג „שאַך" דעם ווײַסען קעניג, ווײַל שוואַרצער שפּרינגער d3 דראָהט דעם פֿײַנדליכען קעניג c1. אָדער שוואַרצע דאַמע c8 קאָן שלאָגען די ווײַסע דאַמע c2 און מאַט־זעצען דעם ווײַסען קעניג.

„שאַך", וואָס איז געפֿערגט געוואָרען דורך אַבציהען אַ פֿיגור, וועלכע איז געשטאַנען צווישען דער אַנגרײַפֿענדער פֿיגור און פֿײַנדליכען קעניג, הײסט „אַבצוג־שאַך" (Abzug).

ווײַסער שפּרינגער d3, שלאָגענדיג דעם שוואַרצען שפּרינגער אויף e1, אָדער געהענדיג אויף f2 גיט שאַך דורך „אַבצוג". ווען ווײַסער שפּרינגער, אַנשטאָט צו מאַכען אײנעם

פֿון די דריי לעצטע צוגען וועט קומען פֿון d3 אויף f4, בעקומט דער שוואַרצער קעניג שאַך פֿון ווייסען שפּרינגער און גלייכצייטיג פֿון דער דאַמע („דאָפּעלט שאַך"), ווייל יעדע פֿון די צוויי פֿיגורען וויל אין נאָהנטסטען צוג דעם קעניג ערּאָבערן.

שוואַרץ קאָן נישט שלאָגען די דאַמע און זיך נישט פֿער־שטעלען, ווייל דער ווייסער שפּרינגער וועט דראָהען צו צו־נעהמען דעם קעניג. ער קאָן נישט נעהמען דעם שפּרינגער (f4) מיט'ן אייגענעם שפּרינגער e6, ווייל די דאַמע וועט דראָהען.

דער שוואַרצער קעניג קאָן נור אַנטלויפֿען אויף g5; פֿריהער איז דאָס פֿעלד g5 נישט געווען צוטריטליך פֿאַר דעם קעניג, ווייל דער לויפֿער d2 וואָלט איהם אָנגעגריפֿען. איצט אָבער, ווען דער שפּרינגער איז געקומען אויף f4, פֿערשטעלט ער דעם ווייסען לויפֿער און גיט אָרט דעם פֿיינד־ליכען קעניג צו קומען אויף g5.

מיר מוזען נאָך זעהן, וואָס וואָלט געווען, ווען דער ווייסער שפּרינגער וואָלט געגאַנגען פֿון d3 אויף e5. אַזאַ צוג וואָלט געווען אַ „דאָפּעלט־שאַך" (שפּרינגער און דאַמע דראָהען). ביים שלאָגען איינע פֿון די צוויי פֿיגורען, וועט די צווייטע מאַט־זעצען דעם קעניג.

דער קעניג האָט נישט קיין שום פֿעלד צו אַנטלויפֿען; ער קאָן זיך אויך נישט פֿערשטעלען פֿאַר דער דאַמע c2, ווייל דער שפּרינגער e5 וואָלט ערּאָבערט דעם קעניג.

אַזאַ שאַך איז גלייכצייטיג „מאַט" *) (Mat).

ביים געבען „מאַט" מוז מען זאָגען „שאַך־מאַט", אָדער נור „מאַט".

*) „מאַט" הייסט אין אַראַביש געשטאָרבען.

עס טרעפט זיך, אז א שוואכערער שאך-שפּילער, געבענדיג מאט דעם געגנער, ווייסט זאגאר נישט, אז ער האט געגעבען „מאט“ — און זאגט נור „שאך“. אזא בלינדער מאט, הגם די פּארטיע איז געווינען, איז נישט קיין עהרען-מאט פאר'ן שפּילער, ווייל ער האט נישט געוואוסט, וואס ער האט געטהון.

ווען אנשטאט ווייס, וואלט שווארץ געדארפט מארשירען, וואלט שווארץ געקאנט זאגען „שאך“ דעם ווייסען קעניג, שלאגענדיג דעם ווייסען שפּרינגער d3 מיט'ן שפּרינגער e1.

ווייס האט נישט מיט וואס צו שלאגען דעם פיינדליכען שפּרינגער d3. די ווייסע דאמע c2 קאן נישט צוריקשלאגען דעם אנגרייפענדען שפּרינגער, ווייל זי וואלט געמוזט אוועקגעהן פון ליניע c, אויף וועלכער עס שטעהט די פיינדליכע דאמע (c8), און מיט אזא אבצוג בעדראהען דעם אייגענעם קעניג.

דער ווייסער קעניג וואלט אבער געקאנט אוועקגעהן אויף b1, אדער d1. שווארץ וואלט אויך געקאנט זאגען „שאך“, נעהמענדיג מיט דער דאמע c8 די ווייסע דאמע c2. דאס וואלט געווען גלייכצייטיג „מאט“. דער ווייסער קעניג וואלט זיך נישט געקאנט פערשטעלען, ווייל די אנגרייפענדע פיגור שטעהט אויף א שכנ'ישען פעלד; ער קאן נישט געהן, נישט אויף b1, נישט אויף b2 און נישט אויף d1, וועלכע זענען אטאקירט דורך דער דאמע. דער קעניג קאן אויך נישט נעהמען די דאמע, ווייל זי איז געשיצט דורך דעם שווארצען שפּרינגער e1. די שטעלונג פון די פיגורען פון דער דיאגר. 6 ווייזט אונז א ספּעציעלען מאט.

ווען ווייס דארף מארשירען קומט דער שפּרינגער פון e5 אויף f7 און פרעגט „שאך“.

שוואַרץ האָט נור איין אַנטוואָרט, צו רוקען דעם קעניג פֿון h 8 אויף g 8.

שפּרינגער f 7 געהט אויף h 6 און גיט אַ דאָפּעלטען „שאַך“ פֿון אַ שפּרינגער און פֿון דער ווייסער דאַמע, וועלכע שטעהט אויף c 4.



דיאַגראַמע 6

דער קעניג מוז ווידער אַוועקגעהן און ער האָט אויס־צוּוועהלען צווי פֿעלדער: f8 אָדער h 8. ווען ער וואָלט גע־גאַנגען אויף f8, קומט די ווייסע דאַמע פֿון c 4 אויף f7 און גיט זאָפֿאָרט „מאַט“. דער שוואַרצער קעניג מוז זיך אַלזאָ וויי֗ט בעהאַלטען אויף h 8. דאַן קומט די ווייסע דאַמע פֿון c 4 אויף g8 און גיט ווייטער „שאַך“ איצט קאָן דער קעניג אין ערגיץ נישט געהן, ער קאָן אויך נישט נעהמען די דאַמע, וועלכע איז פֿערטיידיגט דורך דעם שפּרינגער h6, נאָר דער שוואַר־צער טורם a8 נעהמט די דאַמע. איצט קומט דער שפּרינגער צוריק פֿון h 6 אויף f7, גיט „שאַך“ און „מאַט“.

אַזאַ „מאַט“ מיט דעם שפּרינגער הייסט „בעניאָווסקי׳ס מאַט“, וועלכער שטאַמט פֿון מאָריץ בעניאָווסקי פֿון 18־טען יאָהרהונדערט. אַנדערע רופֿען דעם מאַט „דערשטיקטער מאַט“ (Mat etouffé), ווייל דער קעניג איז דערשטיקט געוואָרען פֿון אייגענע פֿיגורען אָדער בויערן. דער מאַט איז פֿאָרגעקומען ביים אָפּפֿערן די דאַמע.

ווען ביי אַ פּאָזיציע פֿון דיאַגר. 6 וואָלט שוואַרץ, וואָס איז שוואַכער פֿאַר ווייס, געדאַרפֿט מאַרשירען, וואָלטען זיי זיך געקאָנט ראַטעווען, געהענדיג מיט דער דאַמע פֿון h 3 אויף h 2 און גלייכצייטיג געבענדיג שאַך דעם ווייסען קעניג. דער לעצטער האָט נישט מיט וואָס צו שלאָגען די דאַמע. פֿון די פֿרייע פֿעלדער, וואָס זענען אַרום דעם קעניג, איז נור f1, וועלכעס איז נישט געדראָהט, אַלזאָ, דאָרט קאָן ער זיך אָבּרוקען. די פֿעלדער g 3 ,g 2 ,g 1 זענען אַטאַקירט דורך דער דאַמע, דאָס פֿעלד e2 דורך די דאַמע און דורך דעם שוואַרצען שפּרינגער (c 1). ווען דער ווייסער קעניג וועט אַנטלויפֿען אויף f 1, גיט איהם די דאַמע נאָכאַמאָל „שאַך“ געהענדיג אויף h 1, און דער קעניג האָט נישט קיין שום אַנדערן אויסוועג, ווי צוריקצוקומען אויף דעם אָרט, וואו ער איז פֿריהער געשטאַנען, ד. ה., אויף f2.

ווייס האָט נישט קיין שום מיטעל צו בעפֿרייען זיין קעניג פֿון אָפּטען שאַך אויף די צוויי פֿעלדער h 1 און h 2, אויך די פּאַרטיע איז נישט ענטשיעדען, ד. ה., קיינער פֿון די שפּיעלער האָט נישט געוואונען. אַזאַ פּאַרטיע הייסט „רעמי“ (Remis).

מיר האָבען פֿריהער דערמאָהנט, אַז אַ פּאַרטיע איז נישט ענטשיעדען ווען ביידע שפּיעלער האָבען נישט קיין פֿיגורען (אַחוץ דעם קעניג, וואָס יעדער שפּיעלער מוז האָבען).

איצט זעהען מיר, אז א פארטיע איז אויך אונענטשיעדען ווען עס קומט פאר „אייביגער שאך“ (échec éternel), ד. ה., אזא שאך, וועלכער דויערט אהן אויפהער.

עס זענען דא אנדערע פאלען, ווען א פארטיע איז אונענטשיעדען, ווען, צ. ב., שפיעלער ווידערהאלען דריי מאל דיזעלבע סעריען צוגען, האט יעדער שפיעלער דאס רעכט די פארטיע צו ענדיגען אלס „רעמי“.

עס עקזיסטירט נאך א שאך-געזעץ, לויט וועלכען מען מאכט „50 צוגען“. עס טרעפט זיך אפט, אז א שפיעלער איז ביים ענדע שפיעל מאטעריעל אדער אין פאזיציע שטארקער ווי זיין געגנער און צו געבען מאט קאן ער נישט דערגרייכען, — האט דער שוואכערער צד דאס רעכט צו פאדערן פון דעם שטארקערן געגנער מאט אין „50 צוגען“.

אין פאל פון נעהמען א בויער אדער א פיגור, ווערט דאס צעהלען אבגעשטעלט און מען הויבט אן אויפסניי צו צעהלען „50 צוגען“. אין פאלס, ווען דער שפיעלער איז נישט געווען אימשטאנד אין משך פון „50 צוגען“ צו געבען מאט, ווערט אזא פארטיע געענדיגט אלס „רעמי“.

דאס „50 צוגען שאך-געזעץ“ איז געמאכט געווארען, אום נישט צו מאטערן דעם געגנער, וועלכער קאן זאגען ביי אן׳אונבעשטימטער פארטיע, אז ער וועט זי נישט פערשפיעלען (ביי איהם איז זי „רעמי“), הגם איינער האט א קליינע איבערגעוויכט (מאטעריעל אדער פאזיציאנעל), למשל, טורם און קעניג געגען לויפער און קעניג, — האט די שוואכערע זייט, וועלכע וויל נישט אויפגעבען די פארטיע אלס פערשפיעלט, דאס רעכט, צו פאדערן „50 צוגען“, ד. ה., צו קריגען מאט אין 50 צוגען. ווען מאט ווערט נישט דערגרייכט, הייסט די פארטיע „רעמי“.

עס טרעפט זיך אויך, אז א שפּיעלער קאָן געבען מאַט און ער איז נישט פעהיג דערצו, — האָט דער געגנער צו-פאָדערן דאס דאָזיגע רעכט, וועלכעס שליעסט די פּאַרטיע.

מיר דערמאָהנען נאָכאמאָל, אז דאָס „50 צוגען-רעכט" דיענט נור דאַן, ווען א שפּיעלער וויל נישט פרייווילליג אויפגעבען זיין פּאַרטיע. א מין רעמי-פּאַרטיע וועט אונז וויזען דיאגראַמע 7.



דיאגראַמע 7

ווען ווייס וואָלט געדאַרפט דאָ מאַרשירען, וואָלט די דאַמע געגאַנגען פון g5 אויף g7 און געגעבען „שאַך-מאַט", ווייל דער שוואַרצער קעניג, זייענדיג געדראָהט דורך דער דאַמע, האָט נישט וואו צו אנטלויפען. די דאַמע קאָן נישט גענומען ווערען, ווייל זי איז געשיצט דורך דעם ווייסען בויער h6. ווען ווייס וואָלט זאָגאַר נישט געדראָהט מיט א זאָפאָרטיגען מאַט, מוז דאָך שוואַרץ פערשפּיעלען, ווייל ער האָט שוואַכערע פיגורען: טורם און בויער געגען דאַמע און צוויי בויערן. דער-

פאַר אָבער וואָס שוואַרץ דאַרף מאַרשירען, קאָן ער נאָך גע־פינען אַ גליקליך מיטעל זיך צו ראַטעווען פון פערשפּיעלען, דערמיט, וואָס ער גענעהמט מיט'ן טורם, פון b 8 אויף b 1. דער ווייסער קעניג האָט איצט בעקומען שאַך און איז געצוואונגען צו נעהמען דעם שוצלאָזען טורם.

יעצט דאַרף שוואַרץ מאַרשירען, ער האָט נאָר אַ קעניג און איין בויער; דער קעניג קאָן אָבער נישט אַרויסגעהן פון h 8, ווייל אויף h 7 שטעהט אַ שוואַרצער בויער און די גאַנצע g-ליניע איז אַנגעגריפען דורך דער ווייסער דאַמע. אַזאַ שטעלונג הייסט „פאַט" (Pat).

אַ שפּיעלער בעקומט פון געגנער „פאַט", ווען ער שטעלט איהם אין אַזאַ לאַגע, אַז קיין שום פיגור, קיין שום בויער קאָן זיך נישט בעוועגען און דאָך האָט מען זיין קעניג נישט געפרעגט „שאַך".

פאַט ווערט גערעכענט אַלס „רעמי".

אין לעצטען שפּיעל האָט שוואַרץ דערגרייכט פאַט אָפּ־פערנדיג אַ טורם.

אַ זעהר וויכטיגער און נאָר איין־איינציגער דאָפּעלט־צוג (צוויי פיגורען קאָנען זיך גלייכצייטיג בעוועגען) איז אין אַ פּאַרטיע די „ראָשאַדע" (אָדער „ראָכאַדע" Rochade).

מען קאָן ראָשירען, ווען דער קעניג און טורם זענען פון זייער אָנפאַנגס־פעלדער נישט אוועקגעגאַנגען, ד. ה., ווען קיינער פון די צוויי פיגורען האָט זיך פון אָנפאַנגס־שפּיעל נישט בעוועגט און אויך, ווען צווישען זיי זענען דאָ פרייע פעלדער. די ראָשאַדע ווערט אויסגעפיהרט, אַז מען שטעלט דעם קעניג אויף 2 פעלדער פון רעכטס אָדער לינקס פון שפּיעלער (אין דער ברייט פון שאַך־ברעט) און נעבען איהם דעם טורם. ווען

ער איז געשטאַנען פֿריהער רעכטס, קומט ער יעצט לינקס פֿון קעניג. און ווען ער איז געשטאַנען פֿריהער לינקס קומט ער יעצט רעכטס פֿון קעניג.

ווען, למשל, אין א פּאָזיציע פֿון דיאַגר. 8, ווייס דאַרף מאַרשירען, קאָן ער זיין קעניג פֿון e1 רוקען אויף g1 און גלייכצייטיג דעם טורם h1 איבערטראָגען אויף f1.

די נוצען פֿון ראָשאַדע זענען פֿאָלגענדע:

1) געוועהנליך ביים אנפֿאַנג-פּאַרטיע קומט-פֿאָר די הויפּט-שלאַכט אין מיטען שאַך-ברעט. די מיטעלסטע בויערן זענען ענטוועדער אַרויסגערוקט, אָדער געשלאָגען. ביים ערשטען און צווייטען פֿאַל איז דער קעניג נישט גוט געשוצט, ער איז, אַלזאָ, אונטערגעוואָרפֿען אונטער פֿערשידענע אנגריפֿען אָדער דראָהונגען.

ביים ראָשירען געהט דער קעניג אַוועק אין דער זייט, ער רוקט זיך אָב אויף 2 פֿעלדער פֿון דעם אָרט, וואו ער איז פֿריהער געשטאַנען און מיט'ן טורם בעפֿעסטיגט ער זיך פֿון די אַטאַקעס.



דיאַגראַמע 8

2) ביים ראָשירען ווערט דער טורם לייכט אריינגעפיהרט אין שפיעל און פערנעהמט אַ שכנ'ישע ליניע פון די מיטעלליניעס, וואו עס זענען פאַראויסגערוקט אָדער געשלאָגען בויערן, אויף אַזאַ אַרט קאָן ער זיך פרייער בעוועגען.

3) נאָכ'ן ראָשירען, ווען צווישען די צוויי טורמען שטעהען נישט קיין שום פיגורען, פערטיידיגט איין טורם דעם אַנדערן.

שירען קאָן מען נור ביי פאָלגענדע אומשטענדען:

ווען דער קעניג האָט זיך נאָך נישט געהאַט בעוועגט פון זיין ערשטען אָרט (דער ווייסער פון e1, דער שוואַרצער פון e8). אַנדערפאַלס האָט ער שוין פערלוירען דאָס רעכט צו ראָשירען, הגם, ער האָט זיך נאָך זיין בעוועגונג צוריקגעקעהרט צום ערשטען אָרט. ווען איינער פון די צוויי טורמען האָט זיך שוין בעוועגט, טאָר מען נישט מיט דעם טורם ראָשירען און דער קעניג קאָן נור ראָשירען מיט'ן אַנדערן טורם. ווען צווישען דעם קעניג און דעם טורם געפינט זיך אַנ'אייגענע אָדער אַ פיינדליכע פיגור, קאָן מען נישט ראָשירען ביז מען רוקט נישט אַרויס די דאָזיגע פיגור.

מען טאָר נישט ראָשירען און גלייכצייטיג שלאָגען אַ פיינדליכע פיגור.

ווען מען פרעגט דעם קעניג „שאַך", טאָר מען נישט ראָשירען.

ווען די ווייסע דאַמע (דיאַגר. 8) וואָלט געגאַנגען פון f3 אויף h5 און וואָלט מיט דעם געפרעגט „שאַך", טאָר שוואַרץ נישט, אַלס תשובה אויף דער פראַגע, ראָשירען. שוואַרץ קאָן: אָדער אָברוקען דעם קעניג און מיט דעם פערלירען דאָס רעכט צו ראָשירען; אָדער פאָראויס רוקען דעם

בויער פֿון g7 אויף g6, און זיך איבערלאָזען אויף שפּעטער דאָס רעכט צו ראָשירען.

דער קעניג טאָר, ביים ראָשירען, נישט דורכגעהן דורך אַ בעדראָהט פֿעלד אָדער זיך אַוועקשטעלען דעריויף. למשל, דער שוואַרצער קעניג אויף דיאַגר. 8 קאָן ראָשירען מיט'ן טורם a8, ד. ה., דער קעניג קאָן זיך אַוועקשטעלען אויף c8 און דער טורם וואָלט איבערגעטראָגען געוואָרען אויף d8. אין גע־גענטייל, דער ווייסער קעניג וואָלט נישט געקאָנט ראָשירען מיט'ן טורם a1, ווייל דער קעניג וואָלט זיך געשטעלט אויף c1, וועלכעס איז געדראָהט פֿון שוואַרצען לויפֿער a3.

די ראָשאַדע מיט'ן טורם, וואָס שטעהט אויף דער h-ליניע, הייסט די קורצע ראָשאַדע. און די ראָשאַדע מיט'ן טורם פֿון דער a-ליניע — הייסט די לאַנגע ראָשאַדע.

די ראָשאַדע ווערט נישט געשטערט, ווען דער טורם דאַרף אַדורכגעהן, אָדער איז אָנגעגריפֿען דורך אַ פֿיינדליכער פֿיגור, ווי למשל, שוואַרץ (דיאַגר. 8) קאָן ראָשירען מיט'ן טורם a8, ד. ה., רוקען דעם קעניג אויף c8 און דעם טורם a8 שטעלען נעבען דעם קעניג אויף d8, הגם דער טורם a8 איז געדראָהט פֿון דער ווייסער דאַמע f3.

ווען אויף a3, אָנשטאָט דעם שוואַרצען לויפֿער, וואָלט געשטאַנען אַ שוואַרצער שפּרינגער, וואָלט ווייס געקאָנט ראָשירען מיט דעם טורם a1, ד. ה., רוקען דעם קעניג אויף c1 און דעם טורם a1 שטעלען אויף d1, הגם דער טורם וואָלט אַדורכגעגאַנגען דאָס פֿעלד b1, וועלכעס וואָלט געווען אַטאַקירט פֿון שוואַרצען שפּרינגער a3.

ראָשירען קאָן מען נור איין מאָל אין אַ פּאַרטיע, און דאָס רעכט האָט ווייס און שוואַרץ.

שאך־נאָטאַציע.

אין אָנפאַנג פון אונזער לעהרבוך האָבען מיר דערמאָהנט ווי אזוי מען בעצייכענט די שאך־פעלדער. מיר מוזען דאָ צו־געבען די שאך־נאָטאַציע: d7—d5 הייסט, אז א שווארצער בויער, וועלכער איז געשטאַנען אויף d7, געהט אויף d5.
e4—e5 הייסט, אז א ווייסער בויער פון e4 געהט אויף e5.

דער קעניג, דאמע, טורם, לויפער, שפרינגער האָבען זייערע פערקירצונגען:

קעניג — K   לויפער — L
דאמע — D   שפרינגער — S
טורם — T

S f3—g בעדייט, אז א שפרינגער, וואָס איז גע־שטאַנען אויף f 3 קומט אויף g 5.

L c4—b3 הייסט, אז דער לויפער פון c4 געהט אויף b3 א. אז. וו.

דאָס שלאָגען א פיגור ווערט אין דער שאך־טעאָריע בע־צייכענט מיט דעם צייכען ×. (פיעל שאך־ביכער בענוצען דאָס שלאָגען מיט דעם צייכען :).

T e8×e1 בעדייט, אז דער טורם e8 שלאָגט א פיגור, וועלכע שטעהט אויף e1.

